**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/4/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

## שטארקע דשאב וואוקס: גאווערנער HOCHUL (האקול) האט געמאלדן רעקארד נומער פון נייע דשאבס אין ניו יארק'ס ריינע ענערגיע סעקטאר

***ריינע ענערגיע סעקטאר דשאב וואוקס האט זיך אין אלגעמיין מער ווי געדאפלט לענגאויס די סטעיט***
***וואוקס און בלייבט אין גאנג מיט נאציאנאלע ראטע***

***דאס שפיגלט אפ גאווערנער Hochul'ס (האקול) איבערגעגעבנקייט צו שטיצן פארברייטערונג פון ריינע ענערגיע ארבעטקראפט און פארזיכערן די אנטוויקלונג פון פארשידנארטיגע, שטארק טרענירטע ארבעטקראפט***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט געמאלדן רעקארד הויכע ריינע ענערגיע דשאב וואוקס אין ניו יארק סטעיט מיט 178,000 ארבעטער איינגעשטעלט ביי די ענדע פון 2023-א העכערונג פון 7,700 דשאבס-לויט די אינפארמאציע פון די 2024 ניו יארק ריינע ענערגיע אינדוסטרי רעפארט. וואוקס אין ריינע ענערגיע סעקטאר דשאבס האט מער ווי געדאפללט די פון אלגעמיינע דשאב וואוקס לענגאויס די סטעיט. די היינטיגע מעלדונג שפיגלט אפ ניו יארק'ס אנגייענדע איבערגעגעבנקייט צו פארברייטערן די ריינע ענערגיע ארבעטקראפט און פארזיכערן אז אלע סעקטארס פון די עקאנאמיע אנטוויקלען א פארשידנארטיגע, שטארק טרענירטע און קענטעניס-רייע זאמלונג פון ארבעטער צו שטיצן די סטעיט'ס אנגייענדע איבערגאנג צו א ריינע ענערגיע עקאנאמיע.

"די רעפארט ווייזט די ווערד פון די ריינע ענערגיע איבערגאנג און די טאפנדע ווירקונג וואס א בליענדע ריינע ענערגיע עקאנאמיע האט אויף מענטשן'ס פרנסה," **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "דורך א קאמבינאציע פון ארומנעמענדע ארבעטקראפט אנטוויקלונג איניציאטיוון און פראגראמען וואס פארמערן ריינע ענערגיע ארבעטגעבונג און פארמינערן עמישנס פון געביידעס, טראנספארטאציעס און די עלעקטרישע גריד, שטיצן מיר נאך בליענדע קאמיוניטיס מיט צוטריט צו גוט-צאלנדע דשאבס לענגאויס די סטעיט."

די 2024 [ניו יארק ריינע ענערגיע אינדוסטרי רעפארט](), וואס איז היינט ארויסגעלייגט געווארן דורך די ניו יארק סטעיט ענערגיע אונטערזוך און אנטוויקלונג אטאריטעט ( New York State Energy Research and Development Authority NYSERDA), שטעלט צו דאטא אויף די סטעיט'ס ריינע ענערגיע אינדוסטרי ביז די ענדע פון 2023. די רעפארט ווייזט אז ניו יארק'ס ריינע ענערגיע עקאנאמיע איז געוואקסן 5 פראצענט פון 2022 ביז 2023, וואס איז מער ווי דאפלט פון די סטעיטברייטע עקאנאמישע וואוקס ראטע, און צוגעלייגט מער ווי 32,000 דשאבס זינד 2016, ווען NYSERDA האט צום ערשט אנגעפאנגען נאכקוקן ריינע ענערגיע דשאבס.

**נאך אינפארמאציע פון דעם יאר'ס רעפארט נעמען אריין:**

- ריינע און אלטערנאטיווע טראנספארטאציע דשאבס זענען געוואקסן די שנעלסטע מיט 16 פראצענט, פארברייטערנדיג מיט 2,100 דשאבס אין נאר 12 חדשים.
- עלעקטרישע וויהיקל טשארדשינג דשאבס זענען געוואקסן מיט 27 פראצענט איבער די לעצטע יאר אוועקשטעלנדיג איינס פון די שנעלסט וואקסנדע אפטיילונגען אין ריינע ענערגיע.
- די געביידע דעקאבארניזעישן און ענערגיע עפישענסי סעקטאר איז געוואקסן מיט 3 פראצענט, איבערשטייגנדיג איר פאר-פאנדעמיע הויכקייט, צוגעבנדיג באלד 4,000 דשאבס. עס בלייבט די גרעסטע קוואל פון ריינע ענערגיע דשאבס געבנדיג ארבעט פאר מער ווי האלב פון אלע ריינע ענערגיע ארבעטער.
- גריד מאדערניזירונג און ענערגיע סטארעדש דשאבס איז געוואקסן מיט 7 פראצענט.
- באנייבארע עלעקטרישע פאוער גענעראציע דשאבס זענען געוואקסן מיט 6 פראצענט, מיט מער ווי 1,400 נייע דשאבס.
- ארום איין-דריטל פון ריינע ענערגיע דשאבס זענען געווען אין באזייטיגטע קאמיוניטיס אריינרעכענענדיג 2,200 דשאבס צוגעלייגט אין 2023.

- ריינע ענערגיע ארבעטער האבן אויסגעדריקט א העכערע דשאב צופרידנהייט ווי אנדערע ניו יארק ענערגיע ארבעטער, מיט 65 פראצענט פון ריינע ענערגיע ארבעטער וואס האבן געזאגט אז זיי זענען "זייער צופרידן" מיט זייער קאריערע.
    - 93 פראצענט פון ריינע ענערגיע ארבעטער זענען ערווארטעט צו זיך רוקן העכער אין זייער קאריערע אין די קומענדיגע 12 חדשים.
        - אנפאנג-שטאפל ריינע ענערגיע דשאבס ווערן דורכשניטליך געצאלט 12 פראצענט מער; און מיטל-שטאפל ריינע ענערגיע דשאבס ווערן געצאלט 7 פראצענט העכער, פארגליכן צו די זעלבע דשאב אינדרויסן פון די ריינע ענערגיע אינדוסטרי.
        - ניין פון 10 ריינע ענערגיע ארבעטגעבער שטעלן צו העלטקעיר בענעפיטן.

**ניו יארק סטעיט ענערגיע שטודירונג און דעוועלאפמענט אויטאריטעט פרעזידענט און CEO Doreen M. Harris (דאורין מ. העריס) זאגט,** "די וואוקס וואס מיר זעען אין ניו יארק'ס ריינע ענערגיע דשאב מארקעט איז אן אפשפיגלונג פון אונזער מאמענטום און שטאנדהאפטיגע איבערגעגעבנקייט צו פארמינערן עמישנס און באשיצן די אומגעבונג אין ניו יארק סטעיט. אזוי ווי די ריינע ענערגיע אינדוסטרי רעפארט רעכנט אויס, האבן געביידעס און טראנספארטאציע צוגעלייגט די מערסטע דשאבס לעצטע יאר, ווייטער פירנדיג די ווירקונג פון אונזער שטארקע פאקוס צו אדרעסירן די צוויי סעקטארן וואס געבן צו די מערסטע צו שוואכע לופט קוואליטעט לענגאויס די סטעיט."

**עמפייער סטעיט אנטוויקלונג פרעזידענט, CEO און קאמישענער Hope Knight (האופ נייט) האט געזאגט,** "טרענירן א ריינע ענערגיע ארבעטקראפט איז א פריאריטעט פאר ניו יארק סטעיט און די פייפליין פון געשולטע טאלאנטן איז א שטארקע צוציאונגס מיטל פאר קאמפעניס וואס ווען אויס צו פארגרעסערן זייערע אפעראציעס. אונטער גאווארנער Hochul'ס (האקול) פירערשאפט, בויען אונזערע אנגייענדע אינוועסטירונגען אין ריינע ענערגיע אינדוסטריס, אינפראסטרוקטור און אינאוואציע די סטעיט'ס גרינע עקאנאמיע יעצט און אין די צוקונפט."

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו לעיבאר קאמישינער Roberta Reardon (ראבערטא רערדאן) האט געזאגט,** "ריינע ענערגיע דשאבס שטעלט צו א גוטע געהאלט און בענעפיטן, הויכע דשאב צופרידנהייט און געלעגנהייטן צו וואקסן. די נייע גרינע דשאבס פארשטערקערן לאקאלע עקאנאמיעס דא אין ניו יארק. פון ארבעטקראפט ארבעטגעבונג צו ספעציאליזירטע טרענירונג פאר ארבעטער וואס גייען

אריבער צו גרינע דשאבס, שטעלט די דעפארטמענט אוו לעיבאר צו א געוואלד פון ריסאורסעס צו העלפן פאורען די סטעיט'ס ריינע ענערגיע עקאנאמיע אין די צוקונפט."

**ניו יארק סטעיט פאבליק סערוויס קאמישן טשעיר Rory Christian (ראָרי קריסשן) האט געזאגט,** "איינס פון די וויכטיגסטע באשטאנדטיילן פון די פאלק-פירנדע ריינע ענערגיע מארקעט וואס מיר שאפן זענען די גוט-צאלנדע דשאבס וואס וועלן זיין נויטיג צו בויען די ריינע ענערגיע סיסטעם. גאווארנער Hochul (האקול) איז א ביישפיל פון וואס עס מיינט צו זיין א פירער צו העלפן שאפן די געוואלדיגע דשאב געלעגנהייטן."

**סענאטאר Kevin Parker (קעווין פארקער) ענערגיע טשעיר, האט געזאגט,** "די רעפארט וואס איז היינט ארויסגעלייגט געווארן באשרייבט קלאר וויאזוי שטיצן ניו יארק סטעי'טס גרינע עקאנאמיע שאפט דשאבס און געלעגנהייטן ארום די גאנצע סטעיט. דורך טרענירן אונזער ארבעטקראפט און אינוועסטירן אין אינדוסטריס און קאמפעניס וואס זענען קאנצענטריט אויף ריינע ענערגיע טעכנאלאגיעס און לעזונגען, בענעפיטירן מיר די אומגעבונג און מיר שטעלן צו א מער דויערהאפטיגע צוקונפט פאר אונז אלע."

**ניו יארק סטעיט אסאסיאציע פון קאונטיס (NYSAC) פרעזידענט Benjamin Boykin II (בענדשעמין בויקין II) האט געזאגט,** "די רעפארט וואס איז היינט ארויסגעלייגט געווארן באשטעטיגט דאס וואס קאונטיס האבן געזען אין זייערע קאמיוניטיס: אז דורך צוזאמענארבעטן מיט גאווארנער Hochul (האקול) און אונזערע סטעיט פארטנערס צו אינוועסטירן אין באנייבארע ענערגיע, קענען מיר זיך רוקן פאראויס צו ריינע ענערגיע אומאפהענגיגקייטן און טון אונזער טייל צו קעמפן קעגן קלימאט טויש און אין די זעלבע צייט שאפן דשאבס און פארשטערקערן לאקאלע עקאנאמיעס. קאונטיס זענען שטאלץ צו זיין אויף די פירנדע זייט פון די איבערגאנג צו ריינע ענערגיע, בויענדיג סאלאר ערעיס אויף קאונטי לאנד, עלעקטיפיצירן וויהיקל פלאטעס און פארבעסערן ענערגיע עפעקטיוויקייט פון פאבליק געביידעס. ווען NYSAC שטייט באלד ביי איר 100סטע יארטאג אלס אן אסאסיאציע, זענען מיר זיכער אז דורך ארבעטן צוזאמען מיר אירע קאונטיס, קען אונזער גוטע סטעיט ווייטער פירן די וועג צו איבערקומען די גרויסע ענערגיע שוועריקייטן וואס מיר מוזן צוזאמען אויסשטיין."

**ארבעטקראפט אנטוויקלונג אינסטיטוט (Workforce Development Institute WDI) עקזעקיוטיוו דירעקטאר Amy Desjardins (אמי דעסדשארדינס) האט געזאגט,** "WDI לויבט ואיס NYSERDA אויף די ארויסשטעלונג פון דעם יאר'ס ריינע ענערגיע אינדוסטרי רעפארט. אונזער ענערגיע און קלימאט ארבעט איז געבויט אויף פארטנערשאפטן מיט לעיבאר יוניאנס אין די פאבליק און פריוואטע סעקטארס, פאבריצירנדיג און די בויען און קאנסטראקשן טרעידס, צוזאמען מיט אינאוואטיווע פאבריצירער און מיסיס-געפירטע קאמיוניטי ארגאניזאציעס. אונזער פארטנערשאפט מיט NYSERDA העלפט אונזע צו פארשטיין נייע טרענדס אין די פילע זייטן פון ענערגיע ארבעטקראפט אנטוויקלונג. אויסגעשטאטעט מיט די סטעיטברייטע אינפארמאציע, קענען מיר בעסער ארבעטן מיט אונזער פארטנער נעטווארק צוצוגרייטן ניו יארק'ס ארבעטקראפט פאר הויכע קאריערע געלעגנהייטן אין די ענערגיע סעקטאר."

**סאציאלע ענטערפרייס און טרענירונג צענטער ( Social Enterprise and Training Center SEAT) עקזעקיוטיוו דירעקטאר Jennifer Lawrence (דשעניפער לאווערענס) האט געזאגט,** "יונגע ערוואקסענע קומען די SEAT צענטער זוכנדיג צו באקומען מארקעט-ווערדפולע פעהיגקייטן און טרעפן ארבעט. יעדן טאג, טרעפט זיך SEAT צענטער מיט יונגע מענטשן וואס ווילן ארבעטן און צוגעבן צו ניו יארק'ס ענערגיע איבערגאנג. NYSERDA איז א קריטישע פארטנער צו העלפן נישט-אויסגענוצטע באפעלקערונגען טרעפן א וועג צו א באדייטפולע קאריערע און אמת'ע געלעגנהייט."

צו שטיצן ניו יארק'ס פייפליין פאר געשולטע ארבעטער און פארזיכערן א גערעכטע און גלייכע איבערגאנג צו קיין-עמישנס גריד, האט NYSERDA באשטימט מער ווי 180 מיליאן דאלאר פאר ארבעטקראפט

אנטוויקלונג און טרענירונג איניציאטיוון. NYSERDA וועט אויך באקומען 1.5 מיליאן דאלאר פאר טרענירונג איניציאטיוון אלס טייל פון די נאציאנאלע עלעקטרישע וויהיקל אינפראסטרוקטור פראגראם (National Electric Vehicle Infrastructure Program), וועלכע וועט שטיצן טרענירן ניו יארקער איינצושטעלן און אנהאלטן טשארדשינג סטאנציעס.

וויכטיג, NYSERDA פריאריטיזירט טרענירונג פראגראמען פאר די סטעיט'ס מערסט באזייטיגטע באפעלקערונגען, מיט ארום 40% פון די פינאנצירונג וואס גייט צו איניציאטיוון וואס סערווירן נידריג-איינקונפט מענטשן, וועטעראנען, מענטשן מיט אינוואלידטעטן, איינצלנע עלטערן, די וואס זענען אמאל געווען איינגעזעצט און מענטשן פון באזייטיגטע קאמיוניטיס. די פראגראמען העלפן איינפירן נייע און עקזיסטירנדע ארבעטער אין די ריינע ענערגיע אינדוסטרי. NYSERDA פינאנצירט אויך עטליכע באמיאונגען צו בויען קאריערע וואכזאמקייט אין K-12 שולעס און טרענירט לערערס אויף ריינע ענערגיע קאריערע געלעגנהייטן, אריינגערעכנט ארבעטן מיט Roadtrip Nation צו פראדוצירן א דאקומענטערי אויף ריינע ענערגיע קאריערעס וואס זענען אנגעקומען צו מיליאנען ניו יארקערס.

אלס טייל פון אירע פארפליכטונגען, שטיצט NYSERDA'ס ארבעטקראפט אנטוויקלונג באמיאונגען קאריערע וועגן פראגראמען צושטעלנדיגע ערציאונגע, טרענירונג און סערוויסעס צו העלפן איינשטעלן נייע ארבעטער אין ריינע ענערגיע באשעפטיגונגען אזויווי הויכע-עפישנסי הייצונג, ווענטילעשן און עיר קאנדשינינג (HVAC), בויענדיג עלעקטריפיצירונג, ענערגיע עפישנסי און ווינט ביים ים-ברעג ווי אויך פארבעסערן און ווידעראויסלערנען עקזיסטירנדע ארבעטער פאר ריינע ענערגיע דשאבס.

NYSERDA האט שוין צוגעשטעלט ארום 94 מיליאן דאלאר צו שטיצן וויכטיגע פארטנערשאפטן מיט ארגאניזירטע לעיבאר, קאלעדשעס און אוניווערזיטעטן, נאן-פאר-פראפיטס, פאבריצירער, טרעיד אסאסיאציעס און אנדערע, צו פארזיכערן אז ארבעטער זענען טרענירט דורך ווייטער ברענגען בילדונג קאורסעס, סערטיפיקעט פראגראמען, דעגרי פראגראמען, אינטערנשיפס, העלפערס און אויף די דשאב טרענירונג. די באמיאונגען וועלן העלפן טרענירן און צוגרייטן מער ווי 40,000 ניו יארקער צו וואוקסן ריינע ענערגיע דשאב געלעגנהייטן און העלפן ריינע ענערגיע ביזנעסער אין איינשטעלן, נעמען אלס ארבעטער און טרענירן ארבעטער. ביז יעצט, זענען באלד 34,000 נייע און עקזיסטירנדע ארבעטער טרענירט געווארן.

אין צוגאב דערצו, אין אנערקענונג פון די וויכטיגע ראל עפון לעיבאר יוניאנס צו טרענירן די ריינע ענערגיע ארבעטקראפט אין די צוקונפט, איז 45 מיליאן דאלאר אין קאנקורירנדע פינאנצירונג דא צו באקומען צו שטיצן די פארברייטערונג פון יוניאן-פארבינדענע טרענירונג פון פאר-געהילפן, געהילפן, און דשורני ארבעטער/און צולערנער פראגראמען. פאר מער אינפארמאציע איבער וויאזוי NYSERDA שטופט פאראויס א שטאנדהאפטיגע ריינע-ענערגיע ארבעטסקראפט, זעהט ביטע NYSERDA'ס וועבזייטל.

**ניו יארק סטעיט'ס קלימאט אגענדע**

ניו יארק סטעיט'ס קלימאט אגענדע רופט פאר א אן אפּארדעבעל און יושר'דיגע אריבערגאנג צו אן עקאנאמיע פון ריינע ענערגיע אויף א פארנעם וואס שאפט דזשאבס פון וועלכע עס איז מעגליך צו אויסהאלטן א פאמיליע, עס שטופט פאר עקאנאמישע וואוקס דורך גרינע אינוועסטירונגען און פארזיכערט אז א מינימום פון 35 פראצענט פון די בענעפיטן קומען אן צו שוואכערע קאמיוניטיס. ניו יארק רוקט זיך פאראויס מיט א רייע באמיאונגען צו ערגרייכן אן עמיסיעס-פרייע עקאנאמיע ביז 2050, אריינגערעכנענדיג אין די ענערגיע, געביידעס, טראנספארטאציע און מיסט סעקטארן.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן